**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/27/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 111 מיליאן דאלארדיגע ברעגע באפעסטיגונג פראיעקט אין סטעטן איילענד**

***Living Breakwaters** רעדוצירט אפשווענקונג, רעדוצירט סכנה פאר קאמיוניטי אויף טאטענוויל ברעגע*

***גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקט וועט גיבן שוץ פאר די ברעג און העלפן פארבעסערן עקאלאגישע סיסטעם; ערגענצט 'קלימאט וואך'***

***בילדער און מער פראיעקט אינפארמאציע זענען אריינגערעכנט אין די [פרעסע פעקל](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון Living Breakwaters ('לעבעדיגע כוואליע-ברעכערס'), אן ערפינדערישער 111 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט אויסגעשטעלט צו פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון די ברעגע דורכן פארמינערן די השפעה פון שטורעם כוואליעס און ברעגע אפשווענקונג לענגאויס די ברעג פון סטעטן איילענד. די 2,400 פיס אין די לענג פון כוואליע-ברעכערס וועלן פארמינערן די סכנה פאר היימער און ביזנעסער אריבער די נידעריג-פלאצירטע קאמיוניטי אויפן ברעג פון טאטענוויל וואס האבן פארלוירן לעבן און פארמעגנס ווען מאכטפולע כוואליעס האבן אראפגעקנאקט זייערע היימער פון די יסודות דורכאויס די 'סופּער-שטורעם סענדי' אין 2012.

"ניו יארק שטייט אין שפיץ פונעם לאנד מיטן באקעמפן דעם קלימאט קריזיס און ביים אויפבויען שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר זענען אריבער עטליכע היסטארישע שטורעמס דעם זומער, איז עקסטרעמע וועטער געווארן די נייע נארמע, און עס איז קריטיש אז מיר זאלן זיך צופאסן צו אונזער טוישנדע קלימאט. Living Breakwaters שפיגלט אפ אונזער לאנג-טערמיניגע סטראטעגיע צו פארמינערן די השפעה פון שטורעמס, פארשטערקערן אונזערע ברעגעס און באשיצן היימער און ביזנעסער פאר פילע קומענדיגע דורות."

Living Breakwaters שטעלט צוזאם ברעגע פארשטערקערונג מאסנאמען צוזאמען מיט בארייכערונג פון די ארטיגע באשעפענישן און געוואוקסן כדי צו אוועקשטעלן א נעץ פון נאטור-באזירטע אינפראסטרוקטור וואס איז אויסגעשטעלט צו רעדוצירן די סכנה צו די ברעגע און צו פארבעסערן די עקאלאגישע סיסטעם אינעם ים ביי די 'רעריטען בעי'. דער פראיעקט באשטייט פון אכט טיילווייז-איינגעטונקענע סטרוקטורן געמאכט פון שטארקע שטיינער און פון שטיקער בעטאן וואס זענען ספעציעל אויסגעשטעלט צו שטיצן עקאלאגישע סיסטעמען וואס וועלן איבערברעכן שטורעם כוואליעס, פארמינערן אפשווענקונג פון די ברעגע און העלפן אויפרעכטן די ברעג לענגאויס קאנפערענץ האַוס פארק.

גוט-אויסגעארבעטע מאדעלן פון די פיזיקס פון די וואסער באוועגונג זענען גענוצט געווארן צו דעזיינען די כוואליע-ברעכערס צו רעדוצירן די שטארקייט פון כוואליעס וואס קומען אן צו געביידעס און שאסייען נעבן די ברעגע צו זיין אונטער דריי פיס הויעך. די כוואליע-ברעכערס פארשטייטערן אויך זאמד וואס פליסט

לענגאויס די ברעגע כדי צו העלפן ארומדרייען די השפעות פון צענדליגע יארן פון אפשווענקונג, ערמעגליכנדיג פאר די ברעג זיך צוריק צו אויפבויען און זיך אויסברייטערן מיט די צייט. דער פראיעקט האט אויך אריינגערעכנט דאס צוגיסן זאמד פון Manhattan Street ביז Loretto Street, א פלאץ וואס איז באזונדערס אויסגעשטעלט צו אפשווענקונג.

די כוואליע-ברעכערס זענען אויך אויסגעשטעלט צו מאכן פלעצער פאר ים באשעפענישן און פלאנצונגען צו וואוינען, צו פארמערן די פארשידנארטיגקייט פון באשעפענישן און געוואוקסן און צוריק ברענגען די בענעפיטן פאר די עקאלאגישע סיסטעם וואס פלעגן אמאל געברענגט ווערן דורך אויסטער ריפס אין די רעריטען בעי. זיי זענען דעזיינט געווארן צו האבן "ריף שורות" – שטיינערנע שורות וואס שטעקן זיך ארויס אויף די זייט פון די כוואליע-ברעכערס מיט די פנים צום ים – און "ריף געסלעך" וואס זענען שמאלע קריצן צווישן די ריף שורות. די און אנדערע אייגנשאפטן מאכן די כוואליע-ברעכערס מער קאמפליצירט און גיבן געלעגנהייטן פאר פארשידנארטיגע סארטן ים באשעפענישן צו בליהען דארט. ווילדע באשעפענישן האבן זיך שוין אנגעהויבן באזעצן ביי די כוואליע-ברעכערס, אריינרעכענענדיג פויגל וואס לעבן ביי די ברעגע, ים הינט, קרעבס, מאָסעלס, באַרנעקעלס, ים ספאנדזשעס און א פארשידנארטיגע רייע פון סארטן פיש. אינסטאלאציע פון לעבעדיגע אויסטערס איז ערווארטעט צו זיין פארטיג ביז 2027.

דער פראיעקט איז געווען א פארשלאג וואס האט געוואונען אין די "בוי צוריק דורך דעזיין" ( Rebuild by Design) פערמעסט, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין אפרופונג צו 'סופּער-שטורעם סענדי', געעפנט דורך די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון האוזינג און שטאטישע אנטוויקלונג ( U.S. Department of Housing and Urban Development, HUD) אין 2013. דער פראיעקט איז געשטיצט געווארן מיט 97 מיליאן דאלאר פון די HUD קאמיוניטי דעוועלאפּמענט בלאק גרענט קאטאסטראפע ערהוילונג (Community Development Block Grant Disaster Recovery) פינאנצירונג און מיט 14 מיליאן דאלאר פון א דירעקטע צוטיילונג פון אינוועסטירונג געלטער אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2022. די געלטער זענען פארטיילט געווארן אונטער די אויפזיכט פון ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל'ס (Homes and Community Renewal, HCR) אפיס פון שטאנדהאפטיגע היימער און קאמיוניטיס (Office of Resilient Homes and Communities), א פערמאנענטע אפיס וואס האט איבערגענומען די פליכטן און פראיעקטן פון די גאווערנער'ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג (Office of Storm Recovery) אין 2022.

Living Breakwaters איז פארגעשלאגן און דעזיינט געווארן דורך א מאנשאפט פון לאנדשאפט ארכיטעקטן, אינדזשענירן און עקאלאגיסטן אנגעפירט דורך SCAPE Landscape Architecture. די מאנשאפט האט געארבעט מיט די ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון פארקס און פארוויילונג (Department of Parks and Recreation, 'NYC פארקס') צו איבערקוקן די פארגעשלאגענע תוצאות און וועגן צו נאכפאלגן די טויש פון די ברעג איבער די צייט. NYC פארקס האט געשטיצט צוטריט און אויפקלערונג באמיאונגען סיי פאר די קאנסטרוקציע פון דעם פראיעקט און סיי פאר די אויסטער וואקסונג באמיאונגען וואס וועלן ווייטער פארזעצן.

Living Breakwaters ערגענצט ניו יארק'ס באמיאונגען צו פארמינערן די השפעות פון קלימאט טויש דורכן דערגרייכן צו קארבאן-נייטראליטעט אריבער די גאנצע עקאנאמיע ביז 2050, און עס איז א ביישפיל פון די HCR'ס אינוועסטירונגען אין ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגקייט און באפעסטיגונג, אריינרעכענענדיג לאנג-טערמיניגע ערהוילונג באמיאונגען נאך האריקאן 'איידע', צושטעלן פינאנצירונג פאר ריינע ענערגיע פראיעקטן אין אפּאָרדעבעל האוזינג, ארויסהעלפן איינוואוינער מיטן אינסולירן זייערע היימער פאר וועטער צווישן אנדערע איניציאטיוון.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאַק שוּמער האט געזאגט,** "א דאנק א 97 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע אינוועסטירונג דורך HUD'ס קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאק גרענט און א פארפליכטונג צו פארשטערקערן די באפעסטיגונג פון די ברעגע נאככפאלגנדיג 'סופּער-שטורעם סענדי'

— וועט די פארענדיגונג פון דעם Living Breakwaters ברעגע באפעסטיגונג פראיעקט אראפ די ברעגעס פון סטעטן איילענד ברענגען גאר-נויטיגע שוץ און א רואיגע געוויסן פאר די טאטענוויל קאמיוניטי. Living Breakwaters וועט באשיצן די טאטענוויל קאמיוניטי דורכן רעדוצירן שטורעם כוואליעס און באקעמפן אפשווענקונג. איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו פארשטערקערן ברעגע באפעסטיגונג און אויפרעכטן ברעגעס צו העלפן באקעמפן צוקונפטיגע פארפלייצונגען אין סטעטן איילענד'ס קאמיוניטיס און אריבער ניו יארק."

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די 111 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג איז אן ערפינדערישע וועג וויאזוי מיר קענען פארמינערן פילע פון די געפארפולע ווירקונגען פון א קלימאט וואס טוישט זיך. די 2,400-פיסיגע כוואליע-ברעכער סטורקטורן וועלן רעדוצירן די שטארקייט פון כוואליעס וואס קומען צום ברעגע, העלפנדיג באקעמפן אפשווענקונג און באררייכערן די לאקאלע ים-באשעפענישן און געוואוקסן אין דעם זעלבן צייט. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, טוט ניו יארק פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט צו העלפן איינוואוינער זיך באגיין מיט קלימאט טויש-פארבינדענע שטורעמס. מיר באדאנקען אונזער פראיעקט מאנשאפט און לאקאלע קאמיוניטי פירער פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו רעדוצירן די סכנה צו די טאטענוויל ברעגע."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) צייטווייליגער קאמישאנער, שאָן מאהאר, האט געזאגט,** "פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון אונזערע ברעגעס איז א קריטישע טייל פון ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע און ברייטע באמיאונגען צו באקעמפן קלימאט טויש און עקסטרעמע וועטערס ווי 'סופּער-שטורעם סענדי'. דער Living Breakwaters פראיעקט באנוצט זיך מיט א רייע פון פיזישע מויערן צו העלפן רעדוצירן הויכע וואסער שטאפלען דורכאויס א שטורעם און אפשווענקונג פון די ברעגע, באשיצן היימער און געגנטער און שטיצן די אויפרעכטונג פון לאקאלע ברעגעס און נאטורליכע עקאלאגישע סיסטעמען. מיט גאווערנער האקול'ס פארגעזעצטע פירערשאפט און ארבעטנדיג פון די נאענט מיט סטעיט אגענטור שותפים און לאקאלע קאמיוניטיס, בלייבט די DEC איבערגעגעבן צו פאראויס גיין מיט קריטישע פראיעקטן ווי Living Breakwaters צו באשיצן ניו יארק'ס ברעגע קאמיוניטיס."

**ניו יארק סיטי פארקס קאמישאנער, סוּ דאָונאג, האט געזאגט,** "Living Breakwaters איז א געוואלדיגע ביישפיל פון ערפינדערישע און עקאלאגישע דעזיין אין אפרופונג צו קלימאט טויש. מיר זענען פארפליכטעט צו פאראויס שטופן ניו יארק סיטי'ס שטאנדהאפטיגקייט כדי אונזערע קאמיוניטיס זאלן קענען בליהען און געניסן פון אונזערע ברעגעס פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל ריילי האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען אונזערע שותפים אריבער די סטעיט און לאקאלע רעגירונג וועמען'ס באמיאונגען אין די פארגאנגענע עטליכע יארן האבן געהאלפן פירן דעם פראיעקט ביזן פארענדיגונג. היינט איז אונזער טאטענוויל קאמיוניטי מער שטאנדהאפטיג פון סיי ווען בעפאר, און די עקאלאגישע בענעפיטן וואס די Living Breakwaters וועלן ברענגען פאר גאנץ סטעטן איילענד וועט האבן א השפעה פאר פילע קומענדיגע דורות."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד דזשאָוסעף בארעלי האט געזאגט,** "איך בין פרייליך צו זעהן דעם ברעגע באשיצונג פראיעקט קומענדיג צום שלוס, און איך קוק ארויס צו זעהן די נייע ים באשעפענישן וואס וועלן צוגעצויגן ווערן צו די ארט."

**SCAPE Landscape Architecture גרונדנדע פרינציפעל, קעיט ארף, האט געזאגט,** "זיך צופאסן צו די קלימאט פאר די קומענדיגע יאר הונדערט פארלאנגט צו טראכטן דייטליכערהייט איבער די וועגן וויאזוי מענטשן און די נאטור לעבן צוזאמען אין שטעט און איבער שטאנדהאפטיגע דעזיין וואס שטעלט צוזאם נאטור-באזירטע אינפראסטרוקטור מיט קאמיוניטי פאראנטווארטליכקייט. Living Breakwaters

לעבט אויף אונזערע עקאלאגישע סיסטעמען אויפן ים ברעגע, רעדוצירט סכנה און אינספירירט שריט. דער פראיעקט קאכט זיך שוין פאר 10 יאר און האט פארמישט הונדערטע איבערגעגעבענע מיטארבייטער און קאמיוניטי מיטגלידער. איך בין באגייסטערט צו ארויפבויען אויף דאס וואס מיר האבן געלערנט צוזאמען צו פארשנעלערן די פארענדיגונג פון נאטור-באזירטע אינפראסטרוקטור אויף א פארשידנארטיגע פארנעם כדי צו נאכקומען וואס די תקופה פארלאנגט פון אונז."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געווייזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג ( New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990.

ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן אין ריכטונג פון אנקומען צו אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק ( NY Green Bank) פארפליכטונגען.

די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און אן איבער 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קאר רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 420 רעגיסטרירטע און מער פון 150 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 'ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס' און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן